# שיחות ודברות קודש לפרשת שלח משנת תשע"ג לפ"ק

## במסיבה לטובת הכולל בוויליאמסבורג
## שהתקיים ביחד עם סעודת שלשים של הרה"ח רבי יעקב פליישמאן ע"ה

יום ד' פרשת שלח תשע"ג לפ"ק

**דער** פסוק זאגט, טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה, באשר הוא סוף כל האדם (קהלת ז-ב) מיר זיצען דא ביי א בית המשתה, און די סעודה איז לעילוי נשמתו פון רבי יעקב ז"ל. פותחין בכבוד התורה, תלמיד חכם שלא נספד כהלכה, ער איז נסתלק געווארן אין די טעג וואס מען האט נישט געקענט געהעריג מספיד זיין (חודש ניסן). יעדער ווייסט זיין גדלות אין תורה און אין עבודת ה'. ער איז געווען דער פראַכט ביי אונז אין די קהלה. שבת משוש לבנו נהפך לאבל מחולנו וגו', אוי נא לנו כי חטאנו (איכה ה-טו), אין נא אלא לשון בקשה (ברכות ט.), דא איז געווען דער מקום וואס ער האט קובע געווען לתפלתו. חטאנו, איז א לשון פון חסרון, עס פעלט. 'אוי נא לנו', אונזערע תפלות זענען נישט די זעלבע, 'כי חטאנו', ווייל עס פעלט אויף וועם מען זאל ארויפקוקען. ווי אזוי זיין דאווענען האט אויסגעקוקט, זיין קבלת יסורים באהבה, ער האט זיך קיינמאל נישט מתרעם געווען, ער איז געזיצען יארן לאנג אויף א פלאץ, אָן דעם וואס ער זאל זיך קענען אליין אויפהייבען און זיך באוועגן. זיין יגיעת התורה מתוך יסורין ודחק, עס איז געווען לא פסיק פומיה מגירסא. ווען מען איז נאר אריינגעקומען, איז געווען די שמועס נאר אין לערנען. כמעט נישט אנגעברענגט קיין איבריגע מינוט, נאר אויסגענוצט די צייט אויף לימוד התורה.

**עס** שטייט אין די גמרא (בבא מציעא פה.) אז רבינו הק' האט געליטן אזוי פיל יסורים, אז עס האט מגין געווען אויף די גאנצע שטאט. און כל שכן אויף דעם מקום וואס ער האט געדאווענט, די בני הקהלה, איז אוודאי אז עס איז געווען א געוואלדיגע זכות פאר אונז, וואס מיר האבען דאס יעצט פארלוירען. צדק לפניו יהלך, די אלע זאכען ווערן נישט פארלוירען, די אלע זאכען קומען אים אנטקעגן. זאל דער אייבערשטער געבן אז ער זאל צוקומען צו זיין מנוחה נכונה, אויפן ריכטיגען מקום, וואס אויף דעם איז די גאנצע עבודה אויף דער וועלט, כדי מען זאל קענען שפעטער צוקומען, אויף די ריכטיגע פלאץ.

*

**עס** איז אויך א בית המשתה. עס איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה, א טייל צונעמען ביי די מסיבה, וואס בשעת מען איז מסיים א מסכת, איז עס א יומא טבא לרבנן (שבת קיט.). אויב ווען איין תלמיד חכם האט מסיים געווען א מסכת, איז עס א יומא טבא, כל שכן ווען מען רעדט נישט פון איינס און נישט פון א מנין, נאר איבער צוויי מנינים וואס האבען ב"ה מסיים געווען וואס זיי האבען געלערנט. מען האט עס געלערנט מיט אסאך יגיעת התורה, בעיון, בדיבוק חברים. איך קען מעיד זיין, איך האב פארהערט די יונגעלייט אלע הלכות וואס זיי האבען געלערנט, עס איז געווען א נחת צוצוקוקען ווי אזוי מען האט געלערנט. אז מען לערנט קען מען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלען קענען ווייטער שטייגען אין תורה און אין עבודת ה'.

*

**איך** האב געוואלט רעדן א ענין וואס עס איז נוגע פאר יששכר, וואס עס איז נוגע פאר די בני הכולל, וואס געבן אוועק זייער לעבן פאר לימוד תורה, על כל פנים אין די יארן, וואס מען זיצט אינעם כולל. און א ענין וואס עס איז נוגע פאר זבולון, וואס דאס זענען די עלטערן, שווער און שוויגער, פון די בני הכולל, און פאר די וואס זארגען זיך פארן כולל, ווי חשוב עס איז וואס זיי טוען, און וויפיל עס ליגט אויף זיי א פליכט צוצוהעלפען פאר די בני תורה, אז זיי זאלען קענען שטייגען אין תורה.

**די** וואך אין סוף פון די פרשה (במדבר טו-יח), איז דא די מצוה פון מפריש זיין חלה. בבואכם אל הארץ אשר אני מביא אתכם שמה, והיה באכלכם מלחם הארץ, בשעת מען וועט וועלן עסן פון די לחם הארץ, תרימו תרומה לה'. מען קען נישט גיין עסן א טייג, א חלה, ביז מען וועט נישט קודם אראפנעמען פון דעם פארן אייבערשטען. ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה, ווען איר וועט קנעטן ענקער טייג, זאלט איר אראפנעמען דערפון תרומה. כתרומת גורן כן תרימו אותה, אזוי ווי תרומת גורן, געווענליכע תרומה, וואס האט נישט קיין שיעור, אפילו חטה אחת פוטרת את הכרי (קידושין נח:), אזוי אויך האט חלה נישט קיין שיעור. תרומת מעשר האט א שיעור, אבער תרומה גדולה האט נישט קיין שיעור. נאכדעם חזר'ט איבער דער פסוק נאכאמאל, מראשית עריסותיכם תתנו לה' תרומה לדורותיכם. פון די ראשית פון ענקער טייג, זאלט איר געבן תרומה פארן אייבערשטען. און רש"י שטעלט זיך, אז עס איז איבערגעחזר'ט צוויי מאל ממש דער זעלבער פסוק. ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה, מראשית עריסותיכם תתנו לה' תרומה, און דא שטייט לדורותיכם.

**רש"י** זאגט אז די שיעור ווען מען דארף אראפנעמען חלה איז, פון ווען מען האט געקנעטען א עומר. דאס איז געווען די שיעור פונעם מן, עס איז געפאלען א עומר לגלגולת, וואס דאס איז די שיעור פון א נארמאלע סעודה, פאר א געזונטען מענטש, דריי און פערציג ביצים וחומש ביצה (עירובין פג:). און אז מען טוט איינקנעטען עריסותיכם, דער שיעור פון א עומר, דעמאלטס דארף ער מפריש זיין חלה. און חלה האט נישט קיין שיעור, אבל חכמים נתנו שיעור, די חכמים האבען יא געגעבן א שיעור, בעל הבית אחד מעשרים וארבעה (חלה ב-ז), א בעל הבית, איינער וואס מאכט חלה פאר זיך, ער קנעט נישט אין א בעקריי עס צו פארקויפען, דארף אראפנעמען פונעם טייג, א פיר און צוואנציג'סטל חלק, און דאס אוועקגעבן חלה פארן כהן.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו ד"ה חלה) זאגט, אז די כהנים וואס זיי האבען נישט געהאט א חלק בארץ, האבען געהאט נאר דאס וואס די צוועלף שבטים האבען זיי געגעבן. שבט לוי איז געווען צוטיילט כהונה מיט לויה. אז מען מאכט א חשבון קומט אויס, אז די כהנים זענען געווען א פיר און צוואנציג'סטל פון כלל ישראל. חלה האט מען אראפגענומען אחד מכ"ד, איינס פון פיר און צוואנציג. און נאר די כהנים האבען באקומען די חלה, נישט גאנץ שבט לוי. קומט אויס, אז פיר און צוואנציג האלבע שבטים האבען מפריש געווען א פיר און צוואנציג'סטל פון זייער טייג, און זיי האבען דאס אוועקגעגעבן פאר האלב פון שבט לוי. קומט אויס אז די כהנים האט געהאט א שיעור פון א עומר. די תורה האט געוואלט אז שבט לוי וואס זיצט און לערנט, זאל האבען וואס צו עסן. האט די תורה מחייב געווען, אז מען זאל זיי געבן חלה. פון יעדע עומר האט מען אראפגעגעבן א פיר און צוואנציג'סטל חלק. וועט זיך צוזאמקלויבען פאר יעדע כהן, א גאנצע שיעור פון א עומר. און דאס איז די שיעור וואס א געזונטע מענטש דארף האבען צו זיין סעודה איין טאג (עירובין שם). אזוי איז מסביר דער הייליגער **חתם סופר**.

**און** דער אמת איז, אז דער חשבון איז נישט אינגאנצען אויסגערעכנט. אמת טאקע אז שבט לוי באקומט זייער חלק א צוועלף'טל פון כלל ישראל. אבער אין מענטשען איז געווען שבט לוי, אסאך און אסאך ווייניגער ווי אלע אנדערע שבטים. כלל ישראל איז געווען שישים רבוא נפשות, זעקס הונדערט טויזענט יודען. און דאס איז געווען פון צוואנציג ביז זעכציג יאר אלט. שבט לוי איז געווען אינגאנצען צוויי און צוואנציג טויזענט מענטשען. און דאס איז געווען געציילט מבן חודש ולמעלה, פון א חודש און העכער. קומט אויס אז דער כלל ישראל איז געווען בערך דרייסיג מאל מער פון שבט לוי. צען מאל צוויי און צוואנציג טויזענט, איז צוויי הונדערט און צוואנציג טויזענט. און דרייסיג מאל איז זעקס הונדערט און זעכציג טויזענט. און דאס איז ווען מען זאל רעכענען שבט לוי פון צוואנציג ביז זעכציג יאר אלט. אבער פאר שבט לוי האט מען צוגעגעבן נאך צוואנציג

יארגענג, שבט לוי האט מען געציילט מבן חודש ביז די זעכציג. קומט אויס אז כלל ישראל איז געווען נישט דרייסיג מאל מער, נאר אסאך און אסאך מער. און אז יעדער האט אוועקגעגעבן א פיר און צוואנציג'סטל חלק פאר די כהנים, איז אויסגעקומען אז יעדע כהן זאל האבען צוויי און דריי עומרים. צוויי און דריי מאל מער, ווי דער בעל הבית אליין האט געהאט, אזוי קומט אויס לויטן חשבון.

**די** תורה האט אונז געוואלט דערמיט לערנען, אז א מענטש דארף וויסן, אז ביי אונז איז שבט לוי דער כלל ישראל. זיי זיצן און לערנען, זיי זענען די עמודי התורה, און זיי דארפען קענען לערנען מיט הרחבת הדעת. די תורה האט געזאגט, אז מען זאל מפריש זיין חלה, און מען זאל זיי געבן, נישט אזויפיל וויפיל דו האסט, נאר שבט לוי זאל האבען נאך ברייטער, אז עס זאל זיי גארנישט שטערן פון לערנען. הלכתא בעי צילותא (עירובין סה.), צו לערנען דארף מען האבען רואיגקייט, און מען דארף פרנסה. האט דער אייבערשטער געהייסען, אז מען זאל מפריש זיין פאר זיי חלה, און עס וועט אויסקומען, אז זיי וועלן האבען אסאך מער, פון וויפיל די אנדערע שבטים האבען געהאט.

**דער** הייליגער **חתם סופר** גייט ווייטער און ער זאגט (בפרשתנו ד"ה ראשית), ווען א יוד איז מפריש חלה און תרומות און מעשרות פון די מאכלים וואס ער עסט, איז ער מקדש די פארמעגן וואס ער האט. א מענטש עסט, איז דער חומר פונעם מאכל מגשם דעם מענטש. און אז מען עסט אסאך, ווערט מען מגושם, און מען פאנגט אן צו פארגעסן דאס לערנען, שכחת התורה. אבער ווען א יוד גייט נישט עסן, ביז ער איז מפריש חלה און תרומות און מעשרות, פון אלעס וואס ער גייט עסן. האט ער מקדש געווען דאס מאכל. און מיט דעם וואס ער האט מקדש געווען דעם מאכל, קומט אויס אז ווען ער עסט, עסט ער א הייליג מאכל, און עס ברענגט אים נישט צו שכחת התורה. דאס איז טייטש, אז א בעל הבית וואס איז מפריש פון זיין פארמעגן, און ער גיט אוועק פאר בני תורה, קומט אויס אז וואס ער נוצט נאכדעם פאר זיך צו עסן, טוט עס אים נישט אוועקנעמען פון די תורה. ווייל ער האט עס מקדש געווען, מיט דעם וואס ער האט מפריש געווען פון דעם תרומות און מעשרות און חלה, און געגעבן די מתנות כהונה.

**און** דער הייליגער **חתם סופר** זאגט, אז די אותיות דז"ך דאס איז דער שם פון זכרון, אז מען זאל געדענקען דאס לערנען. (מיר וועלן נישט אריינגיין יעצט אין די אריכות וואס עס שטייט אין די גמרא (שבת קמז:) אז רבי אלעזר בן ערך האט פארגעסן דאס לערנען, און ווען מען האט געזאגט דעם פסוק החודש הזה לכם (שמות יב-ב) האט זיך אויסגעטוישט די אותיות דז"ך, מיט די אותיות רי"ב). דער שם דז"ך, זענען די אותיות פאר חל"ה, פאר א חי"ת איז א זי"ן, פאר די למ"ד איז א כ"ף, און פאר די ה"א איז א דל"ת. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, 'ראשית עריסותיכם חלה', די ראשית פון די אותיות חל"ה, דאס איז דז"ך, אז מען זאל נישט פארגעסן דאס לערנען. אויף דעם איז די עצה, 'תרימו תרומה לה'', אז מען זאל מפריש זיין תרומה, און מען זאל עס אוועקגעבן פארן אייבערשטען. דאס איז טייטש, אז **ווען א יוד גיט אוועק פאר תורה, נישט נאר ער האט א זכות, אז ער האט מחזיק געווען דעם תלמיד חכם, אז ער זאל קענען לערנען. נאר ער איז זיך אליין מחזיק, ווייל דאס עסן וואס ער עסט נאכדעם, מאכט אים נישט מגושם. זיין ברויט באקומט אויף זיך א קדושה, פון דעם וואס מען האט מפריש געווען תרומה, און עס ברענגט אים, אז ער זאל נישט האבען קיין שכחת התורה.**

*

**ראשית** עריסותכם, שטייט אין הייליגען **חתם סופר** (**בתורת משה** ד"ה בבואכם) האט נאך א טייטש, קינדער ווערן אנגערופן עריסותיכם, קטן המוטל בעריסה (ברכות מז:), 'ראשית עריסותיכם', א קינד פון ווען ער ווערט געבוירן, פון זיין בעטל אָן, 'חלה תרימו תרומה', דארף מען אים מפריש זיין תרומה פארן אייבערשטען. תרומה דאס איז די אותיות 'תורה מ', א יוד דארף מחנך זיין די קינדער צו תורה, פון ווען א קינד קען רעדן, קטן היודע לדבר, אביו לומדו תורה (סוכה מב.).

**און** דער הייליגער **חתם סופר** זאגט, אז עס איז כתרומת גורן. ווען מען איז מפריש די קינדער פאר תורה, נישט פאר יעדן געלונגט אויסצווואקסען א תלמיד חכם. אלף נכנסין לתלמוד, טויזנט תלמידים גייען אריין, און עס קומען ארויס הונדערט למשנה, און צען לתלמוד, ואחד מהם יוצא להוראה (ויק"ר ב-א). עס איז כתרומת גורן. אזוי ווי ביי תרומה איז דא אחד ממאה, תרומות מעשר איז אחד ממאה, און עס איז דא אחד מחמישים, אחד מארבעים, עס איז דא עין יפה, עין בינונית, און עין רעה. 'ראשית עריסותיכם חלה תרימו לה', א יוד דארף מפריש זיין די קינדער פארן אייבערשטען. אבער נישט אייביג ווערט עס אים געלונגען, עס איז כתרומת גורן, עס איז דא וואס עס ווערט קודש, און עס איז דא וואס עס בלייבט חולין.

**אז** מען נעמט צוזאם דיביידע פשטים צוזאמען, איז עס פארבינדען איינס מיטן צווייטען. ווען איינער איז א אוהב און א מוקיר רבנן, הויין ליה בנין וחתנין רבנן (שבת כג:). אז א יוד שעצט תורה, ער זוכט צו העלפען פאר תלמידי חכמים, ער איז מכבד תלמידי חכמים, ער איז מכבד בני תורה, איז דער שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט אים, אז ער האט קינדער תלמידי חכמים. ווען א יוד האט אוועקגעגעבן פאר שבט לוי די 'ראשית עריסותיכם', זיין שטיקל ברויט האט ער מפריש געווען פאר תרומה. דאס געב איך אוועק פאר שבט לוי, אז זיי זאלען זיצען און לערנען, איז ער א מוקיר רבנן, ער איז מחשיב דעם שבט לוי. איז זיין זכות, אז 'ראשית עריסותיכם' ענקערע קינדער וועלן זיין 'תרימו תרומה לה', א תרומה פארן אייבערשטען.

**ווען מען זעהט ב"ה קינדער וואס שטייגען אין תורה, און זיי וואקסען אויס תלמידי חכמים וואס זיצען און הארעווען אויף תורה, דאס איז די גרעסטע שמחה און תענוג און נחת, וואס עלטערן דארפען האבען, אז ב"ה מיין קינד קען זיצען און לערנען. ב"ה איך האב א קינד וואס וואקסט אויס א תלמיד חכם. אויב דאס איז געווען אמאל, אז עס האט געהאט א חשיבות א תלמיד חכם. איז אוודאי ווען מען רעדט היינט, אויב מען זיצט נישט און מען לערנט, אויב זיצט מען נישט אין די כוללים, על כל פנים די ערשטע יארן נאך די חתונה. נישט נאר עס פעלט אים פון תורה, נאר עס פעלט אים פון יודישקייט. עס פעלט פון דאווענען, און עס פעלט פון יראת שמים. די גאס איז היינט אזוי טריפה, אז מען רירט זיך נאר ארויס אביסל פונעם בית המדרש, דארף מען אסאך סייעתא דשמיא, אז מען זאל קענען זיין ערליך.**

**און** אז מען האט א זכיה זיך אנצוזאפען מיט תורה, דאס טוט דאך אויפהייבען דעם מענטש אויף א געוואלדיגע מדרגה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), **עס איז נישט נאר אז מען איז זוכה צו זיין אליין א תלמיד חכם, נישט נאר מען איז זוכה צו א קינד א תלמיד חכם, נאר אז מען איז זוכה צו זיצען באהלה של תורה, וואקסט מען אויס א אנדערער סארט יוד, ווי דער וואס לערנט נישט. און עס איז א געוואלדיגער זכות, פאר די אלע וואס נעמען א טייל צוצוהעלפען אז בני תורה זאלען קענען זיצען און לערנען.** די כולל לוידער קען נישט קיין געבן אסאך, עס איז אנגעשטרענגט, אזוי ווי די סדר איז. און די געלט וואס מען גיט אין כולל, איז ממש כטפה מן הים וואס א יונגערמאן דארף היינט האבען. מען קען היינט נישט אויסקומען אנדעם וואס מען זאל אים נישט צוהעלפען פון דערזייט, אז ער זאל קענען האבען פון אנדערע. און עס איז א געוואלדיגע זכות פאר ווער עס קען צוהעלפען פאר די בני תורה, אז זיי זאלען קענען שטייגען און אויסוואקסען.

*

**איך** **וויל זאגען אפאר ווערטער פאר די נשים צדקניות. זיי זיצען דא, און שעפן נחת פון זייערע קינדער, און פון זייערע מענער, וואס זענען געזעסן און געלערנט, און אויסגעוואקסען גרויס אין תורה. מען האט שוין פריער געהערט, אז עס קומט היינט אָן זייער שווער, אז א יונגערמאן זאל קענען זיצען און לערנען. די ערשטע און די צווייטע יאר נאך די חתונה, שטופט מען נאך אדורך. אבער ווען מען הייבט אן צו האבען ב"ה**

שטובער מיט קינדער, און דער עול הפרנסה איז שווער, און די בני בית קען שוין נישט אזוי מיט העלפען מיט די פרנסה, ווי אין די ערשטע יארן, און מען הייבט זיך אן צו מוטשען. עס גייט אדורך צוויי דריי יאר נאך די חתונה, איז כמעט נישטא בני תורה וואס זאלען קענען זאגען, אז זיי קענען לערנען רואיג. און זיי זענען זיך ממש ממית באהלה של תורה, און מיט מסירת נפש זיצט מען און מען לערנט. און די בני בית דארף זייער אסאך אָפּפערן פון זיך, כדי זי זאל קענען העלפען, אז זיי זאלען אויסוואקסען תלמידי חכמים. און עס קומט זיי זייער אסאך קרעדיט און חיזוק אויף דעם וואס זיי טוען, אז די מענער זאלען קענען זיצען און לערנען.

**מען** זאגט נאך פונעם **כתב סופר**, אז עס שטייט (קהלת ז-כח) אדם אחד מאלף מצאתי, ואשה בכל אלה לא מצאתי. זאגט ער, 'אדם אחד מאלף מצאתי', פון טויזנט תלמידים וואס גייען אריין אין בית המדרש, איז אדם אחד מאלף מצאתי, איז נאר איינס פון טויזענט גייען ארויס להוראה. פארוואס נאר איינס, וואס איז מיט די אנדערע ניין הונדערט ניין און ניינציג. זאגט ער, ווייל 'ואשה בכל אלה לא מצאתי', איך טרעף נישט א אשה, וואס זאל צושטיין דערצו. א מאן דארף האבען א ווייב וואס זאל צושטיין דערצו, אז ער זאל קענען אויסוואקסען דער אדם אחד מאלף. פון טויזענט ווייבער, קען מען טרעפן נאר איינס, וואס האט צוגעהאלפען, אז איר מאן זאל קענען אויסוואקסען, און זיין פון די אחד מאלף. **עס איז א געוואלדיגער זכות פאר זיי, אז זיי זענען זוכה אז זיי קענען צושטיין און צוהעלפען צו תורה, און זיי מוטשענען נישט, אז זיי דארפען האבען נאך קליידער, און אז זיי דארפען האבען נאך געלט. זיי מוטשענען נאר, אז די מאן זאל זיצען און לערנען, און דאס איז איר תענוג, אז זי האט א מאן וואס זיצט און לערנט.**

**אבער איך מיין, אז עס ווערט זיי באצאלט בכפל און בכפלי כפלים. מען קען טאקע אפשר נישט קויפן אלעס וואס מען וואלט געקענט קויפן, ווען דער מאן וואלט ארויסגעגאנגען צו טון עפעס פאר פרנסה. אבער דאס אז די מאמעס שטעלן אויף א אנדערע סארט שטוב, ווי ווען די מענער וואלטן געגאנגען ארבעטן, אויף דעם וועט זיך קיינער נישט דינגען, און קיינער וועט נישט חולק זיין דערויף, אז עס איז א אנדערע סארט שטוב, די שטובער וואס די מענער זיצען און לערנען. עס איז נוגע צו שלום בית, עס איז נוגע ווי אזוי מען רעדט אינעם שטוב, די שפראך ווי אזוי מען רעדט, דאס איידלקייט ווי אזוי מען פירט זיך אויף איינער צום צווייטען, דאס קען מען מיט קיין געלט נישט באצאלען, און מען קען עס מיט געלט נישט קויפן. דאס איז נאר, אז מען האט דעם זכות, אז דער מאן זיצט באהלה של תורה, ער זיצט און לערנט, און ער איידלט זיך אויס, דאס צאלט זיך אסאך און אסאך מער אויס, ווי ווען ער זאל אהיים ברענגען נאך אפאר דאלער אין שטוב, און מען זאל קענען מיט דעם עפעס איינקויפען. אמת עס וועט פעלן די פאר דאלער אין שטוב, אבער, מען האט א מאן וואס פירט זיך אויף ווי א יוד דארף זיך אויפצופירען, איידעל און פיין, עס איז דא אהבה ואחוה ושלום וריעות. און די קינדער וואס מען דארף ערציען אין די שטוב, זענען אנדערע סארט קינדער. די קינדער זעהן א רואיגע שטוב, א שטוב מיט איידעלקייט פון תורה, וואס מען הערט נישט דארט קיין לשון הרע, וואס מען הערט נישט דארט קיין שקר מיט רכילות, און די אלע זאכען וואס מען רעדט אין די ליידיגע גאס הייִנט. עס איז א אנדערע סארט שטוב וואס מען שטעלט אויף. און עס איז זייער זכות, וואס זיי האבען אז זיי טוען צוהעלפען צו תורה, וואס דאס קען נישט באצאלט ווערן מיט קיין שום זאך. קומט זיך פאר זיי, תחזקנה ידיכם, זיי זאלען זיך מחזק זיין ווייטער אויך, און זעהן צוצוהעלפען און צושטיין, אז די שטוב זאל קענען זיין א שטוב פון תורה.**

**די** יששכר'ס אליין וואס זיצען און לערנען, וואס זיי האבען זיך ב"ה פארהערט. זיי ווייסען גארנישט ווי חשוב דאס איז, צו לערנען תורה מתוך הדחק. עס פעלט היינט ליידער די שלא לשמה, וואס עס איז דא אין תורה. **אמאל, אז מען האט געלערנט, האט מען געהאט א חשבון,**

**אז אויב ער וועט לערנען, וועט ער אויסוואקסען ערגעץ. ער וועט אנקומען און ווערן א דיין, אדער ווערן א רב ערגעץ וכדומה. עס איז היינט כמעט בטל געווארן, אז ווייל ער זיצט און לערנט, און ער איז אויסגעוואקסען א תלמיד חכם, וועגן דעם איז ער צוגעקומען צו א פּאסטען. און מען זיצט און מען לערנט, און מען קוקט נישט אויף קיין שום זייטיגע חשבונות, און מען פארהערט זיך נאך א הלכה און נאך א הלכה, די תורה איז זייער חשוב אויבן אין הימל. און עס איז א געוואלדיגער זכות פאר זיי, וואס זיי פארשטייען די חשיבות פון תורה אליין, אן קיין שום זייטיגע זאך, אן קיין שום זייטיגע אינטערעסע, זיצט מען און מען לערנט תורה. עס קומט זייער אסאך קרעדיט פאר די תלמידי חכמים, וואס זיצען און לערנען תורה.** זאל זיי דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז זיי זאלען קענען נאך לאנגע יארן זיצען אין כולל. וויסן די חשיבות פון די לומדי תורה, און וויסן די חשיבות פון ענקערע שטובער, אז עס איז אנדערע סארט שטובער.

**און** די זבולון'ס וואס טוען דא צוהעלפען, ווי מען האט פריער גערעדט, אז זיי האבען א חלק אין די תורה וואס מען לערנט. עס איז א געוואלדיגע חשיבות, וואס מען העלפט צו די קינדער, אז זיי זאלען אויסוואקסען און שטייגן אין תורה. **ווען עס קומט פאר א יום טוב, דארף מען אינזין האבען די כולל יונגעלייט, אריינשטופן א פאר דאלער פאר א יום טוב, זיי זאלען קענען אדורכפירן דעם יום טוב רואיגערהייט. און ווען מען קען מהנה זיין א תלמיד חכם, דארף מען אים פרובירן מהנה צו זיין.** און עס איז א חשיבות, אז מען טוט צוהעלפען פאר א יום טוב, און ביי יעדע געלעגענהייט, ווי מען קען מחזיק זיין תלמידי חכמים.

**אין** דעם זכות וואס מען טוט צוהעלפען פאר תורה, די תורה איז נאך פאר קיינעם נישט שולדיג געבליבן, די תורה איז עץ חיים היא למחזיקים ותומכיה מאושר (משלי ג-יח). זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן אלע זוכה זיין, אז דער זכות פון תורה זאל מגין זיין אויף אונז אלע. דער באשעפער זאל אונז אלע בענטשען, מיט שפע ברכה והצלחה, אורך ימים בימינה, ובשמאלה עושר וכבוד, און מיר זאלען אלע זוכה זיין, אנטקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## שיעור באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא – בארא פארק

ליל שישי פרשת שלח תשע"ג לפ"ק

(כז) **ויספרו לו, ויאמרו, באנו אל הארץ אשר שלחתנו, וגם זבת חלב ודבש הוא, וזה פריה.** דקדק לומר 'לו', שהיו מייחדים הדיבור ביחוד אליו, אבל המאמר לא היה למשה לבד, אלא לכל העדה השומעים, והוא אומרו 'ויאמרו', ולא אמר 'לו':

**באנו אל הארץ וגו'.** פירוש, שהגענו שמה לשלום, ולא אירע להם תקלה. וגמר אומר הטעם, 'אשר שלחתנו', פירוש לצד שעשינו מצות שליחותך נשמרנו.

**או ירצה לומר**, לצד שעשה להם לויה, ששלחם (פסוק יז), היא שעמדה להם לבוא אל הארץ בשלום. ואולי כי לזה דקדק לומר 'ויספרו לו', לומר שספרו דבר הנוגע למעלת משה, כי זכותו עמדה להם. ואומרו 'ויאמרו', הוא תשובת הארץ מה שנוגעת לכללות ישראל, לזה לא אמר 'לו':

**אין** די גמרא (סוטה מה:) שטייט, אז דאס באגלייטען איז א חלק פון די שמירה, פאר דער וואס גייט ארויס אין וועג. מיט דעם וואס מען טוט אים באגלייטן, גיט מען אים א כח פון א שמירה, אז ער זאל זיין אפגעהיטן אויף דעם וועג. און עס ווענט זיך פון וועם מען באקומט די לויה, אז מען באקומט די לויה פון א ערליכען יוד, איז די שמירה, אז ער איז מצליח אויפן וועג. און אז עס באגלייט חס ושלום א רשע, דעמאלטס איז חס ושלום פארקערט, אז עס איז דא א מכשול אויפן וועג.

**ויהי** בשלח פרעה את העם ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים (שמות יג-יז). שטייט אין די מפרשים, פארוואס האט דער אייבערשטער זיי נישט געפירט דרך ארץ פלשתים, נאר דורך א צווייטע וועג. ווייל בשעת זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים האט זיי פרעה באגלייט, און די מחשבה פון פרעה איז געווען אויף א געוויסע וועג, ווי אזוי זיי זאלען גיין. האט דער אייבערשטער נישט געוואלט אז די מחשבה פון פרעה, זאל שאטען פאר יודען אויף דעם וועג וואו זיי גייען, האט ער זיי געפירט אויף א צווייטען וועג.

**ויהי** בשלח 'פרעה' את העם, ווייל פרעה האט זיי באגלייט, און זיין לויה איז געווען מיט די כוונה, אז זיי זאלען גיין קיין ארץ פלשתים. האט דער אייבערשטער געוואלט מבטל זיין דעם כח וואס פרעה האט זיי באגלייט, וועגן דעם ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים, איז ער געגאנגען אויף א צווייטע וועג.

**זעהט** מען פון דעם, אז דאס וואס מען טוט באגלייטען יענעם, דאס גיט א כח אויף דעם וועג וואס מען גייט, אז מען זאל מצליח זיין. דאס האבען די יודען געזאגט צו משה רבינו, 'באנו אל הארץ', מיר זענען אנגעקומען צו דעם לאנד, און מיר האבען נישט געהאט קיין מכשול אויפן וועג. ווייל 'אשר שלחתנו', דו האסט אונז באגלייט אויף דעם וועג, און דאס האט אונז געהאלפען.

* * *

**וגם זבת חלב ודבש וגו'**. אומרו 'וגם', לצד שקדמה הודאה במדה טובה, שנעשה להם נס בהליכה, מוסיפין להודות גם בטובת הארץ, כי זבת חלב וגו':

**רש"י** זאגט אויפן פסוק וגם זבת חלב ודבש הוא, אז א יעדע שקר וואס מען זאגט נישט קצת אמת בתחלתו, אינו מתקיים. אז א מענטש ווייל זאגען שקר, און ער ווייל אז דער שקר זאל ווערן אנגענומען, און שקר איז דאך אין לו רגלים (אותיות דר"ע, ועיין שבת קד.), שקר האלט זיך נישט. דארף מען קודם זאגען א דבר אמת, און אמת האט א כח פון א קיום. דער אמת וואס מען זאגט אין אנהייב, דאס גיט דעם כח אז דער שקר זאל זיך קענען האלטען. פארוואס איז טאקע אזוי, אז מען גלייבט נישט שקר, נאר ווען עס איז דא אמת בתחלתו.

**דער** הסבר איז, ווייל ווען א מענטש זאגט עפעס, ווייסט מען נישט, צו ער זאגט אמת, אדער ער זאגט שקר. מען דארף געטרויען דעם מענטש, אויף וואס ער זאגט. אמאל זאגט ער אמת, און אמאל קען זיין אז ער זאגט שקר. אבער טאמער ער הייבט אָן צו זאגען א זאך, וואס איך ווייס אז עס איז אמת. איז די ערשטע מינוט, באקומט מען שוין א בליק אויף דעם מענטש, אז ער איז א איש אמת. ווייל אויף דעם וואס ער זאגט יעצט, ווייס איך דאך אז ער זאגט מיר אמת. און ווען מען האט דן געווען דעם מענטש אז ער זאגט אמת, געטרויעט מען אים נאכדעם אויך אויף די צווייטע זאך וואס ער זאגט, אפילו מען האט נישט מברר געווען, אז עס איז אמת. ווייל מן הסתם, אזוי ווי די ערשטע זאך וואס ער האט מיר געזאגט איז אמת, איז די צווייטע זאך אויך אמת.

**די** מרגלים האבען דאך געוואלט פארקויפען דא א דבר שקר. און כדי מען זאל אנעמען זייער שקר, האבען זיי קודם מקדים געווען, א זאך וואס איז אמת. וועט מען זיי קודם אפ'פסק'ענען אז זיי זענען ערליכע מענטשען, און נאכדעם וועט מען גרינגער מקבל זיין דעם לשון הרע און שקר וואס זיי וועלן זאגען. כל דבר שקר שאין אומרים בו קצת אמת בתחילתו, אויב עס האט נישט קיין ביסל אמת אין אנהייב, האט מען דאך נישט מברר געווען דעם מענטש, צו מען קען אים געטרויען אז ער זאגט אמת. איז ממילא אינו מתקיים, האט עס נישט קיין קיום.

*

**אבער** מען דארף נאך אלץ פארשטיין, ווי אזוי איז די ראיה, פון דעם וואס זיי האבען געזאגט, וגם זבת חלב ודבש היא, אז א יעדע שקר מוז האבען א שטיקל אמת אין אנהייב. אפשר האבען

זיי געזאגט דעם אמת, ווייל אלעס וואס זיי זאגען איז טאקע אמת. עס איז א ארץ זבת חלב ודבש, און די איבעריגע זאכען זענען אויך אמת. אבער נישט ווייל זיי האבען געוואלט מחפה זיין דעם שקר. ווי אזוי איז פון דא א ראיה אז צו יעדע שקר דארף מען מקדים זיין א דבר אמת בתחלתו, כדי דער שקר זאל האבען א קיום.

**שטייט** אין די מפרשים, משה רבינו האט זיי געשיקט, אז זיי זאלען באקוקען מערערע זאכן אינעם לאנד. עלו זה בנגב ועליתם את ההר, וראיתם את הארץ מה היא, איך וויל הערן וואס דאס לאנד איז. ואת העם היושב עליה, החזק הוא הרפה. וואס איז דער פאלק, שטארק אדער שוואך. נאכדעם האט ער געזאגט, ומה הארץ אשר הוא יושב בה, הטובה הוא אם רעה. איז עס א גוטע מקום, אדער א שלעכטע מקום. וואס זענען די שטעט, הבמחנים אם במבצרים. ומה הארץ, השמנה הוא אם רזה. די לעצטע שאלה וואס משה רבינו האט זיי געפרעגט, איז געווען השמנה הוא אם רזה, איז דאס א פעטע לאנד, אדער א מאגערע לאנד. ווען זיי האבען געדארפט ענטפערן פאר משה רבינו, איז דאך א חכם ענטפערט, על ראשון ראשון, ועל אחרון אחרון (אבות ה-ז). אזוי ווי משה רבינו האט זיי פארגעלייגט די שאלות, אזוי וואלטן זיי געדארפט ענטפערן.

**זיי** האבען אבער נישט אנגעפאנגען צו ענטפערן, אויף די ערשטע שאלה וואס מען האט זיי געפרעגט, אויב העם היושב עליה, זענען חזק אדער רפה. נאר זיי האבען אנגעהויבן צו געבן א תשובה, אויף וואס משה רבינו האט זיי געפרעגט צום סוף. ומה הארץ, השמנה הוא אם רזה. ענטפערן זיי, אז עס איז א ארץ זבת חלב ודבש, עס איז א פעטע לאנד, און וועגן דעם איז דא דארט אזויפיל מילך, און אזויפיל פירות. פארוואס האבען זיי געזאגט די תשובה קודם, זיי וואלטן קודם געדארפט געבן תשובה אויף די ערשטע זאך.

**נאר** אויף דעם 'עם היושב עליה', האבען זיי דאך געוואלט זאגען ליגנט, אז עס איז נישט לטובה. האבען זיי געמוזט מקדים זיין א זאך, וואס עס איז אמת, און נאכדעם וועלן זיי קענען זאגען דעם שקר. איז פון דעם וואס זיי האבען געענטפערט קודם, אז עס איז א ארץ זבת חלב ודבש. פון דעם אליין איז א ראיה, אז א יעדע שקר מוז האבען א אמת בתחלתו, און וועגען דעם האבען זיי קודם געגעבן די תשובה אויף זבת חלב ודבש.

*

**מען** געפינט אין די גמרא דעם לשון אמת לאמיתו, כל דיין שדן דין אמת לאמיתו (שבת י., סנהדרין ז.), א אמת צום אמת. און די מפרשים שטעלן זיך שוין וואס איז דאס אמת לאמיתו. אמאל איז דא, וואס דער מענטש זאגט טאקע אמת, אבער נישט ווייל ער האט אזוי ליב דעם אמת, נאר ער ווייסט, אז מען וועט נישט אננעמען זיין שקר, נאר אויב ער וועט זאגן קודם א דבר אמת. זאגט ער קודם אמת, כדי ער זאל קענען נאכדעם זאגען א שקר. אזא אמת האט נישט קיין חשיבות. די חשיבות פון אמת איז, ווען עס איז לאמיתו. דו זאגסט דעם אמת, ווייל דו ווילסט צוקומען צום אמת. אויב א מענטש וויל אבער זאגען שקר, און וועגן דעם איז ער מקדים דעם אמת, דאס איז א אמת, וואס עס איז נישט לאמיתו, נאר עס איז א אמת פאר שקר.

**אין** די מפרשים שטייט, אויף די מימרא פון כל דיין שדן דין אמת לאמיתו. ווי אזוי ווייסט א מענטש, צו דער דין וואס ער פסק'נט, איז אמת. בית שמאי מיט די בית הלל קריגען זיך, די בית שמאי זאגען אז מען איז חייב, און די בית הלל זאגען אז מען איז פטור. יעדער האט געהאלטען אז ער זאגט דעם אמת. אבער די הלכה בלייבט נאר אזוי ווי איינער. קומט אויס, אז איינעמס הלכה איז אמת, און איינעמס הלכה איז נישט אמת. עס איז טאקע דא א מימרא (עירובין יג:), אז אלו ואלו דברי אלקים חיים. אבער מען רעדט דאך אין הלכה, דארט זאגט מען אז איינער איז אומגערעכט. וועט אויסקומען, אז דער וואס האט גע'פסק'נט להלכה, וועט באקומען זיין חלק לעולם הבא, ווייל ער האט געלערנט אמת.

און דער וואס מען האט אפגעווענט פון די הלכה, איז שקר. ער האט גע'פסק'נט א זאך וואס עס איז נישט ריכטיג. און ער איז נישט קיין דן דין אמת לאמיתו. אז מען פסק'נט איבעראל ווי די בית הלל, און נישט ווי די בית שמאי. קומט אויס, אז אלע פסקים פון די בית שמאי, איז נישט קיין דין אמת לאמיתו, ווייל עס איז נישט אמת. ווייל מיר פסק'ענען פארקערט.

**די** פשט דערפון איז, **א מענטש מוז נישט ענטפערן דעם אמת, ווי אזוי דער אמת איז. נאר ווי אזוי דו האלטסט, אז עס איז אמת. ווען מען פרעגט א מענטש א זאך, דארף ער ענטפערן, נישט ווייל יענער האט אזוי געזאגט, ענטפערט איך די זאך. אדער ווייל יענער האט געזאגט אנדערש, מאך איך מיינע חשבונות אנדערש. נאר דו דארפסט ענטפערען דעם אמת, וואס דו האלטסט, צו די זאך איז חייב אדער פטור.** ווען די בית שמאי האבען געזאגט, אז אויף די זאך איז מען חייב, און די בית הלל האבען געזאגט, אז די זאך איז מען פטור. האט יעדער איינער דן געווען דעם אמת, וואס ער האלט אז עס איז א אמת. כל דיין שדן דין אמת 'לאמיתו', לויט זיין אמת. ער האט נישט געענטפערט אזוי, ווייל יענער האלט אזוי. נאר ער האט געענטפערט די הלכה, ווייל לויט זיין דעה, וואס ער גייט נאך נאכן אמת, האלט ער אז דאס איז דער וועג, ווי אזוי מען דארף צו פסק'ענען. ווערט עס אנגערופן אז ער האט דן געווען, א דין אמת לאמיתו, פאר זיין אמת. אפילו אויב כלפי שמיא גליא, אז עס איז נישט געווען ריכטיג, און עס איז נישט אויסגעהאלטען.

* * *

**אפס כי עז העם היושב בארץ והערים בצורות גדולות מאד וגם ילידי הענק ראינו שם.** בעפאר איך גיי צו צום **אור החיים הק'**, וויל איך איבערזאגען וואס דער **רמב"ן** זאגט דא. אז משה רבינו האט זיי געשיקט, אז זיי זאלען נאכקוקען אין ארץ ישראל פארשידענע זאכען. און אויף אלעם וואס ער האט זיי געפרעגט, האבען זיי געענטפערט דעם אמת. ער האט געפרעגט, וואס דאס לאנד איז, השמנה הוא אם רזה. האבען זיי געזאגט, אז עס איז זבת חלב ודבש. ער האט געפרעגט היש בה עץ אם אין, איז דא דארט פירות צו נישט. האבען זיי געענטפערט, זה פריה, זיי האבען געברענגט די פירות. משה רבינו האט געפרעגט, העם היושב עליה החזק הוא הרפה, צו דאס איז א שוואך פאלק אדער א שטארק פאלק. האבען זיי געענטפערט די אמת, עז העם הזה, זיי זענען א שטארק פאלק. משה רבינו האט זיי געפרעגט הבמחנים אם במבצרים, האבען זיי אויך געזאגט די אמת, והערים בצורות גדולות מאד, עס זענען דא דארט ערים וואס זענען בצורות. אויף אלעס וואס משה רבינו האט זיי געפרעגט, האבען זיי געענטפערט דעם אמת. נאר וואס איז געווען זייער חסרון.

**זאגט** דער הייליגער **רמב"ן**, 'איין ווארט', די ווארט 'אפס' וואס זיי האבען געזאגט, מיט דעם האבען זיי אלעס קאליע געמאכט. אפס איז די טייטש, א זאך וואס עס עקזיסטירט נישט. אפס, עס איז נישטא. אויף א אוממעגליכע זאך, זאגט מען אפס, די זאך קען נישט עקזיסטירן, און די זאך קען נישט פאסירען. זיי האבען טאקע געזאגט דעם אמת, זיי האבען געגעבן תשובה, אויף אלעם וואס עס איז דא דארט. אבער אפס, עס איז אוממעגליך, עס איז נישטא קיין מעגליכקייט אויף דער וועלט, אז מיר זאלען קענען אהין אנקומען. ווען זיי וואלטן געענטפערט, עז העם הזה, אז עס איז א שטארק פאלק. האבען זיי געענטפערט וואס משה רבינו האט זיי געפרעגט. צו עס איז במחנים או במבצרים, האבען זיי געענטפערט אז עס איז במבצרים. און מען דארף זיך א עצה געבן, ווי אזוי מען וועט פירן די מלחמה דארט. דאס וואס זיי האבען געזאגט 'אפס' כי עז העם הזה, איר זאלט וויסען, אז עס איז אוממעגליך אז מיר זאלען קענען אהין אנקומען, ווייל עז העם ההוא. דער 'אוממעגליך' וואס זיי האבען געזאגט, זאגט דער הייליגער **רמב"ן**, דאס איז געווען דער חטא פון די מרגלים.

**און** די פשט איז, אז זיי האבען געזאגט, מיר האבען גארנישט פון די אלע מעלות וואס מיר

האבען אויסגערעכנט. מען האט אונז פארציילט, אז עס איז א ארץ זבת חלב ודבש. וואס האב איך דערפון אז די פירות זענען גוטע פירות, אויב איך קען נישט אהין אנקומען. די אלע זאכען וואס מיר האבען אויסגערעכנט ביז יעצט, איז 'אפס', מיר האבען נישט קיין שום נוצען דערפון. טאמער עס איז 'עז העם הזה', אויב עס איז א שטארק פאלק, און זיי האבען א חומה, וואס מען קען נישט אריבערגיין, אנצוקומען צו דעם פלאץ. האבען מיר גארנישט, פון די אלע זאכען וואס מיר האבען פריער אויסגערעכנט, אז עס איז א טובה פון ארץ ישראל. אזוי טייטש דער **רמב"ן**.

* * *

(כח) **אפס כי עז וגו'**. פירוש, לפי שבשליחות משה שאל החזק הוא וגו' הבמחנים וגו', לזה אמרו כי העם חזק, ובמבצרים יושב. וגמרו אומר **'וגם ילידי הענק' וגו'**, פירוש, שלא לחשוב כי בצרו עריהם לצד חולשתם, הרי גם ילידי הענק ראינו שם, ואלו אין להם פחד ודאי, אם כן אין ללמוד ממבצריהם שחלשים הם:

**עוד ירצה באומרו 'העם היושב בארץ'**, כי העם היו יושבים נפוצים חוץ לערים, והיו סומכין על גבורתם, וכן תמצא שאמרו חז"ל (במד"ר טז-יח) בפסוק עמלק יושב וגו' והכנעני וגו' שהיו יושבים בדרך חוץ לעיר. גם רמזו במאמר 'היושב בארץ', שהארץ צריכה גבורי כח לעמוד בה:

**דער** ביאור אין הייליגען **אור החיים הק'** איז. רש"י זאגט אויבן (פסוק יח) אז משה רבינו האט זיי געזאגט, אז זיי זאלען זיך אומקוקען, צו עס איז במחנים, צו מען וואוינט פריי, אין א מחנה, אדער מען וואוינט במבצרים. 'סימן מסר להם', ער האט זיי געגעבן א סימן, 'אם בפרזים יושבים', טאמער זיצען זיי אין א פלאץ וואס עס איז אפען, 'חזקים הם', איז א סימן אז זיי זענען גבורים, 'שסומכים על גבורתם', זיי פארלאזען זיך אויף זייער גבורה, 'ואם בערים בצורות הם יושבים', טאמער האבען זיי געמאכט א חומה ארום זיך, דעמאלטס איז א סימן, אז 'חלשים הם' זיי זענען שוואך. קומט אויס, אז ווען מען זאגט הבמחנים, איז עס א חסרון פאר יודען. ווייל עס מיינט צו זאגען, אז זיי זענען שטארק, און זיי קענען וואוינען במחנים. ווען מען זאגט אז עס איז במבצרים, דעמאלטס איז א טובה פאר יודען, עס מאכט גרינגער אריינצוקומען קיין ארץ ישראל. ווייל זיי זענען במבצרים, זיי זענען שוואכע חברה, זיי האבען זיך געמוזט ארומנעמען מיט א מבצר, און מען וועט קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל.

**זיי** האבען דאך אבער געוואלט מגנה זיין ארץ ישראל, און פון דעם וואס זיי האבען געענטפערט ערים בצורות גדולות, איז דאך טייטש, אז זיי זענען גאר שוואכע, אז זיי האבען געמוזט מאכען ערים בצורות. האבען זיי געזאגט פאר משה רבינו, אמת טאקע אז עס איז 'ערים בצורות', אבער עס איז נישט אזוי ווי דיין חשבון, אז ווייל זיי זענען בצורות, איז א סימן אז זיי זענען שוואך, און מען קען גרינג אריינקומען צו זיי. 'וגם ילידי הענק ראינו שם', מיר האבען געזען דארט ילידי הענק, זיי זענען שטארקע מענטשען, און אפילו זיי האבען געמאכט א מויער ארום זיך, האב איך נאך נישט פון דעם א ראיה, אז זיי זענען חלשים. 'אפס', עס איז אוממעגליך, אז מיר זאלען קענען אריינקומען קיין ארץ ישראל, 'כי עז העם היושב בארץ', ווייל עס איז עז העם, זיי זענען א שטארק פאלק. און כאטשיג זיי זיצען אין ערים בצורות גדולות מאד, און דאס ווייזט דאך לכאורה, אויף א סימן פון שוואכקייט. 'וגם ילידי הענק ראינו שם' מיר האבען געזען דארט די ילידי הענק, איז דאך א סימן אז זיי זענען גבורים, איז ממילא האבען מיר מורא אריינצוגיין קיין ארץ ישראל.

**און** די מפרשים געבען צו, אז וועגן דעם אין די קומענדיגע פסוק, האבען זיי אויסגערעכנט 'עמלק יושב בארץ הנגב, והחתי והיבוסי והאמורי יושב בהר, והכנעני יושב על הים, ועל יד הירדן'. זיי אליין זענען ארומגענומען דארט אין ארץ ישראל מיט אנדערע. איין זייט זיצט עמלק, די אנדערע זייט זיצט חתי און יבוסי און אמורי, ביי דעם ים זיצט כנעני. זיי האבען

געמיינט צו זאגען פאר משה רבינו, דאס וואס זיי זענען במבצרים, איז נישט ווייל זיי האבען מורא, אז אונז שוואכע מענטשען וועלן אריינקומען, און מיר וועלן זיי קענען באזיגן, ווייל זיי זענען חלושים. נאר זיי זענען אויך ארומגענומען מיט גבורים, און זיי דארפן האבען מבצרים, קעגן זייערע גבורים, נישט פאר אונז. פאר אונז, וואלטן זיי געקענט וואוינען במחנים אויך, ווייל זיי זענען באמת גבורים. ווייל ילידי הענק ראינו שם. אבער עמלק יושב בארץ הנגב, און חתי און יבוסי און אמורי יושב בהר, והכנעני יושב על הים, זיי זענען דאך אליין ארומגענומען מיט גבורים, און וועגן דעם האבען זיי געמאכט ערים בצורות.

**און** דער **רמב"ן** גיט צו, און ער זאגט, אז וועגן דעם האבען זיי ממשיך געווען, מיט עמלק יושב בארץ הנגב, ווייל זיי האבען געזאגט, אז נישט נאר זיי אליין זענען שטארק, נאר כדי צוצוקומען ביז ארץ ישראל, האבען מיר נאך אסאך מדינות, וואס מיר דארפן אדורך גיין, כדי אז מען זאל קענען אהין אנקומען. עס איז נישטא קיין פרייע וועג, וואס עס איז אפען, אז מען זאל קענען אנקומען ביז קיין ארץ ישראל. פון איין זייט זיצט עמלק, פון איין זייט זיצט חתי מיט יבוסי, און פון איין זייט איז דא כנעני, און כדי מיר זאלען קענען אנקומען צו זיי, דארפן מיר נאך אדורכגיין א פלאץ, ווי עס איז דא אזויפיל גבורים, און דאס האבען זיי געהאלטען, וועט זיי שטערן זיי זאלן קענען אהין אנקומען.

* * *

**עמלק יושב בארץ הנגב, והחתי והיבוסי והאמורי יושב בהר, והכנעני יושב על הים, ועל יד הירדן.** רש"י טייטשט, אז זיי האבען אנגעפאנגען מיט עמלק, ווייל מען האלט נאך מלחמת עמלק, און ביי די מלחמה, האט משה רבינו געשיקט יהושע, אז ער זאל פירען די מלחמה מיט עמלק. און יהושע האט נישט געטויגט צו זיי, ויחלוש יהושע את העם לפי חרב (שמות יז-יג), און רש"י זאגט דארט, אז ער האט זיי נאר אפגעשוואכט, און ער האט נישט געהאט קיין כח, מנצח צו זיין עמלק. עמלק איז געווען געוואלדיג שטארק, אז יהושע האט נישט געקענט עומד זיין. ווער גייט יעצט אריינטראגען יודען קיין ארץ ישראל, האבען אלדד ומידד געזאגט, סוף פון די פריערדיגע פרשה, משה מת ויהושע מכניס. און דער יהושע דארף זיין דער גענעראל, אריינצוטראגען די יודען קיין ארץ ישראל. קוקט וואספארא פנים ער האט געהאט מיט עמלק, און ער האט זיך נישט געקענט מיט זיי א עצה געבן, און עס איז נאר געווען ויחלוש יהושע את עמלק לפי חרב. וועגן דעם האבען זיי דערמאנט עמלק יושב בארץ הנגב, מיר האבען זיך שוין אפגעבריהט מיט עמלק, און יעצט אז יהושע דארף אונז ווייטער אריינברענגען קיין ארץ ישראל, וואס וועט זיין, ווי אזוי וועט ער קענען עומד זיין, און זיי באזיגן. אזוי האבען זיי געטענה'ט.

* * *

(ל) **ויהס כלב את העם אל משה.** פירוש, לפי שאין כח באדם הדיוט להשתיק המון שש מאות אלף, לזה בא במאמרו, כי הוא משתיקם אל משה, ולא לגזירתו. וידוע כי משה מלך (במדב"ר טו-יג) דכתיב (דברים לג-ה) ויהי בישורון מלך, ולאימתו שתקו לשמוע אשר יאמר, ואמר 'עלה נעלה וירשנו אותה', פירוש, גם לפי דברי המרגלים נוכל לה

**רש"י** זאגט דערויף, עלה נעלה, 'אפילו הוא בשמים', אפילו מען וועט דארפן ארויפגיין אין הימל, כדי אריינצוגיין אין ארץ ישראל. 'והוא אומר' און ער וועט אונז זאגען, 'עשו סולמות' איר זאלט מאכען לייטערס, 'ועלו שם' און גייטס ארויף דארט, 'נצליח בכל דבריו', קענען מיר אויך מצליח זיין, און מען דארף נישט מורא האבען. משה רבינו האט אונז געטון אזויפיל גוטס, קרע לנו את הים, ער האט אונז געשפאלטען די ים, ער האט אונז געגעבן מן, ער האט אונז געגעבן שליו. 'עלה נעלה', אז ער הייסט ארויפגיין קיין ארץ ישראל, קענען מיר ארויפגיין. און אפילו ער זאגט אונז, אז מיר זאלען מאכען לייטערס, און ארויפגיין אין הימל. וועלן מיר מאכען לייטערס, און ארויפגיין, און

מען וועט מצליח זיין. עס איז זייער א אינטערעסאנטע אויסדרוק, וואס זיי האבען זיך אויסגעדריקט, אפילו משה רבינו וועט זאגען, אז מיר זאלען ארויפגיין אין הימל, און מאכען לייטערס ארויפצוגיין אין הימל, וועלן מיר מאכען לייטערס, און מען וועט ארויפגיין.

**איך** האב געזען שטיין פונעם **אסטראוויצער זי"ע**, מיר געפינען שפעטער, אז זיי האבען געזאגט, אז עס איז א ארץ אוכלת יושביה. ווייל אין ארץ ישראל דארף מען האבען א שטענדיגע עליה, מען דארף שטענדיג ארויף גיין. א מענטש איז א הולך. אדער איז ער הולך אויף ארויף, אדער איז ער א הולך אויף אראפ, ער פאלט. עס איז נישטא דארט א מקום, וואס א מענטש זאל זאגען, איך בלייב שטיין אויף איין פלאץ. איך וועל נישט שטייגען, און איך וועל נישט פאלען. עס איז א 'ארץ', וואס איז 'אוכלת יושביה', ווען איינער וויל דארט זיצען, און ער וויל נישט שטייגן, און ארויף גיין, איז עס א ארץ וואס איז אוכלת יושביה. מען דארף דארט עולה זיין. און ווער קען דען שטענדיג זיין אין אזא מדריגה, אז מען זאל זיין א עולה. א מענטש פאלט דאך צוריק. האבען זיי געזאגט, אז מען קען נישט ארויפגיין קיין ארץ ישראל.

**אויף** דעם האט כלב געזאגט, עלה נעלה, אפילו הוא בשמים, אפילו ווען די מדרגה פון ארץ ישראל איז, אז א מענטש דארף האבען א עליה, ביז ער קען ארויפקומען צום שמים. עלה נעלה, וועלן מיר אויך מצליח זיין. ווי אזוי, ער וועט אונז זאגען עשו סולמות, מאכטס לייטערס. א לייטער קען מען נישט ארויף גיין אויף די דריטע טרעפ, ביז מען איז נישט אדורכגעגאנגען די ערשטע און די צווייטע, עס גייט מדריגות וויז. מען הייבט אן מיט איין טריט, און נאכדעם גייט מען ארויף נאך א טריט, און נאך א טריט, ביז מען קומט אן אויבן. אזוי איז אויך די עבודת ה' פון א יוד. א מענטש קען נישט שפרינגען צו א מדריגה. פון א נידריגע פלאץ, גייט ער זיך טוישן, און ווערן אנדערש פון וואס ער איז געווען. א מענטש דארף מאכען א סולם, ער וועט גיין יעדען טאג אביסל העכער, פון וואס ער איז געווען נעכטען. היינט גיי איך ארויף איין מדריגה, און מארגען די צווייטע מדריגה, ביז איך וועל אנקומען אויבן אין הימל.

**און** דאס האבען זיי געזאגט, עטץ זאגטס אז עס איז א ארץ אוכלת יושביה, מען קען נישט בלייבען דארט מיט א בחינה פון ישיבה, מען קען נישט זיצען דארט, עס מוז זיין א שטענדיגע עליה, און א מענטש קען דאך נישט האבען קיין שטענדיגע עליה. 'והוא אומר' אבער משה רבינו וועט אונז זאגען, 'עשו סולמות ועלו שם', מען רוהט זיך אפ אינדערמיט. מען גייט איין שטאפל, און נאך א שטאפעל, ביז מען קומט אן אויבן.

*

**און** כלב האט שטיל געמאכט דעם פאלק 'אל משה', צו משה רבינו. עס שטייט אין **משך חכמה** (בפרשתנו יג-ל), אז די יודען האבען גע'טענ'ט, אמת טאקע אז משה רבינו האט געטון אזויפיל זאכען שלא כדרך הטבע, און משה רבינו קען זיך אויך א עצה געבן, אריינצופירען יודישע קינדער קיין ארץ ישראל. אבער דאס איז נאר משה, וואס ער איז א איש האלקים, א געטליכער מענטש. אבער מיר האבען דאך געהערט פריער פון אלדד ומידד, אז משה מת ויהושע מכניס. איז דאך טייטש אז משה רבינו קומט נישט מיט אונז, נאר יהושע וועט אונז אריינטראגען. יהושע אליין איז נישט משה. פני משה כפני חמה, ופני יהושע כפני לבנה (בבא בתרא עה.). יהושע וועט נישט האבען דעם כח פון משה.

**אבער** עס איז נישט ריכטיג, ווייל משה'ס כח, נעמט זיך אויך נאר פונעם כלל ישראל. ווייל ער איז געשטעלט אויפן כלל ישראל, וועגן דעם איז ער אויסגעוואקסען א משה רבינו. רש"י זאגט (אנפאנג פרשת ויקרא) אז די אלע יארן, וואס די יודען זענען געווען מנודה פארן אייבערשטען, לא נתייחד הדיבור למשה. זעהט מען דאך, אז דער כח פון משה, נעמט זיך נאר פון כלל ישראל. און אז עס איז נישטא קיין משה, איז יהושע בדורו כמשה בדורו. אז דער אייבערשטער וועט צושטעלן יהושע, וועט מען קענען אריינגיין קיין

ארץ ישראל, פונקט אזוי ווי מען האט געקענט אריינגיין מיט משה רבינו. קומט אויס, אז די תביעה פון די מרגלים איז געווען, אז נאר משה קען דאס פאר אונז מסדר זיין, און אז עס וועט נישט זיין משה, וועלן מיר דאס נישט האבען. און די תשובה פון כלב איז געווען דערויף, אז אפילו יהושע וועט אונז אריינטראגען, וועלן מיר אויך קענען אריינקומען.

**'ויהס** כלב את העם', כלב האט שטיל געמאכט דעם פאלק, וואס זיי האבען אויסגעשטעלט זייערע טענות, 'אל משה', צו משה. אז ווען משה רבינו איז דא, קענען מיר אריינגיין, אבער טאמער משה רבינו וועט פעלן, וועלן מיר נישט קענען אריינגיין. 'ויאמר' האט ער געזאגט, 'עלה נעלה וירשנו אותה, כי יכול נוכל לה', צו יא משה, צו נישט משה, אז דער באשעפער וויל אונז אריינעמען קיין ארץ ישראל, וועט ער אונז אריינעמען, אפילו אָן משה רבינו אויך.

**זאגט** דער **משך חכמה**, אז מיט דעם פארשטייט מען, פארוואס עס שטייט ויהס 'כלב', פארוואס נאר כלב, וואס איז מיט יהושע. יהושע מיט כלב זענען דאך ביידע צוריקגעקומען, און נישט נכשל געווארן אין די עצת מרגלים. פארוואס האט נאר כלב שטיל געמאכט, און נישט יהושע. ווייל אויף דעם וואס זיי האבען געזאגט, אז מיר קענען נישט אריינגיין, ווייל משה רבינו איז נישטא. האט יהושע נישט געקענט זאגען, אז איך קען ענק אויך צושטעלן, דאס וואס משה רבינו האט צוגעשטעלט, ווייל אויב דער אייבערשטער גייט מיך שטעלן אנשטאט משה רבינו, האב איך אויך דעם כח. דאס האט נאר כלב געקענט זאגען. 'ויהס כלב', דאס וואס כלב האט שטיל געמאכט, דאס איז געווען, ווייל די טענה איז געווען 'אל משה', אז משה רבינו וועט נישט זיין, נאר יהושע וועט זיין. און יהושע האט נישט געקענט אויף דעם זאגען, אז איך קען אויך אזוי ווי משה רבינו, און עלה נעלה וירשנו אותה. וועגן דעם האט כלב געענטפערט און נישט יהושע.

*

**אין** די גמרא (סוטה לה.) שטייט, אז יהושע האט זיך אויך געוואלט אנרופען, און זיי האבען אים שטיל געמאכט. און זיי האבען אים געזאגט, יהושע, דו ביזט א ראש קטיעה, א אפגעהאקטע קאפ, און מיש זיך נישט אריין. רש"י טייטשט, דו האסט נישט קיין קינדער, ממילא קומט אויס, אז עס איז פאר דיר נישט נוגע דאס גאנצע ארץ ישראל. מיר גייען אבער ארויף מיט משפחות, און מיר זארגען זיך.

**און** די מפרשים שטעלן זיך, אז יהושע האט טאקע נישט געהאט קיין זון, אבער ער האט געהאט טעכטער. און זיי זאגען, אז דעמאלטס בשעת מען איז געווען אין מדבר, האט ער נאכנישט געהאט קיין טעכטער, נאר שפעטער. איך האב געזען שטיין, אז עס שטייט אין מדרש (שמו"ר לא-ח), אז אין זכות וואס מען איז מפריש תרומות און מעשרות, איז מען זוכה צו האבען קינדער זכרים. תרומות און מעשרות גייט דאך אן נאר אין ארץ ישראל, אין חוץ לארץ איז נישטא קיין תרומות און מעשרות.

**מען** זאגט נאך פון צדיקים, אז אויב מען האט נישט קיין קינדער, זאל מען גיין קיין ארץ ישראל. וואס פאסירט ווען מען גייט קיין ארץ ישראל, וואס ווערט דארט אנדערש. בפשטות לערנט מען אז משנה מקום משנה מזל (ר"ה טז: ב"מ עה:), און אז מען גייט שוין, גייט מען קיין ארץ ישראל. לויט דעם מדרש, אז אויב מען איז מפריש תרומות ומעשרות, איז דאס א זכות אויף צו האבען קינדער. תרומות און מעשרות איז דאך דא נאר אין ארץ ישראל, איז וועגן דעם גייט מען ארויף קיין ארץ ישראל.

**האבען** זיי געזאגט פאר יהושע, אוודאי ווילסטו אריינגיין קיין ארץ ישראל. ווייל דו האסט דאך נישט קיין קינדער, דו ביסט א רישא קטיעה. און אז מען וועט אריינגיין קיין ארץ ישראל, וועסטו דאך געבן תרומות ומעשרות. וועסטו זוכה זיין צו האבען קינדער. ממילא ביזטו א נוגע בדבר, ווייל דו האסט אינטערעסע אריינצוגיין קיין ארץ ישראל. אבער מיר האבען דאך קינדער, האבען מיר נישט קיין אינטערעסע אריינצוגיין

קיין ארץ ישראל. וועגן דעם 'ויהס כלב את העם', כלב וואס האט געהאט קינדער, ער האט געקענט שטיל מאכען דאס פאלק צו משה.

**א** טייל מפרשים טייטשען (**ערוך** ערך רש), אז זיי האבען געזאגט אז ער איז א רישא קטיעה. ווייל ער האט דאך געהייסען הושע בן נון, און מען האט אים צוגעגעבן א אות יו"ד, יהושע. 'רישא' די אנהייב פון דיין נאמען, איז דאך קטיעה, ווייל די הייסט הושע, דו האסט נאר דעם יו"ד, ווייל משה רבינו האט מתפלל געווען אויף דיר, י-ה יושיעך מעצת מרגלים. האסטו דיך נישט וואס אריינצומישן דא, דו ביזט א שליח פון משה רבינו. ווייל מיט דעם אות יו"ד, וואס משה רבינו האט דיר צוגעגעבן, האט ער דיר געמאכט, אז דו זאלסט האבען די זעלבע דעה ווי אים. כלב וואס ער איז געשטאנען עקסטער פאר זיך, ער האט געקענט שטיל מאכען צו משה רבינו.

**צוזאמצוברענגען** די צוויי פשטים, אז מען האט געזאגט, אז ער איז א רישא קטיעה, ווייל ער האט נישט קיין קינדער. מיט די צווייטע פשט, אז ער איז א רישא קטיעה, ווייל ער האט געהייסען הושע בן נון, און מען האט אים צוגעגעבן א יו"ד. ווייל עס שטייט אין ירושלמי (סנהדרין ב-ו), פון וואו האט מען גענומען דעם יו"ד צוצוגעבן פאר יהושע. דאס האט מען גענומען פון שרה. זי האט געהייסען קודם שרי, און מען האט געטוישט איר נאמען פון שרי אויף שרה, און די יו"ד איז איבער געבליבן, האט מען גענומען דעם יו"ד, און מען האט עס צוגעלייגט צו יהושע.

**קומט** אויס אז די אות יו"ד פון זיין נאמען, איז געווען פון א נקבה, און וועגן דעם האט ער נישט געקענט האבען קיין קינדער. ווייל בעצם איז ער דאך א זכר, און ער דארף זיין דער משפיע, און זיין נאמען איז געווען פון א נקבה. דאס איז פשט, רישא קטיעה דו האסט נישט קיין קינדער, ווייל רישא די אנהייב פון דיין נאמען, איז קטיעה, מען האט דיר צוגעגעבן א אות, וואס קומט פון א נקבה, וועגן דעם האסטו נישט זוכה געווען צו האבען קינדער.

*

**איך** האב געזען צוברענגען פון א ספר וואס הייסט **פנינים יקרים**. אז עס שטייט אין תרגום יונתן, ווען משה רבינו האט געזען די עניוות פון יהושע האט ער אים גערופן יהושע. ברענגט ער צו פון א ספר **בית אלקים**, אז ווען מען וועט אויפשטיין תחיית המתים, וועט מען אויפשטיין לויט די סדר פון אל"ף בי"ת. קודם וועלן אויפשטיין די אלע מענטשען, וואס זייער נאמען הייבט זיך אָן מיט א אל"ף, און נאכדעם די וואס פאנגען זיך אָן מיט א בי"ת און אזוי ווייטער. יהושע האט קודם געהייסען הושע, וואלט ער אויפגעשטאנען מיט די מענטשען וואס זייער נאמען הייבט זיך אָן מיט א ה"א. און אז מען האט אים צוגעגעבן א אות יו"ד צו זיין נאמען, האט מען אפגעשטופט זיין תחיית המתים אויף שפעטער.

**ברענגט** ער צו א מדרש, אז די וואס זענען ענווים, וועלן אויפשטיין פאר א יעדעם. קודם וועלן אויפשטיין די אלע וואס זענען ענווים, און נאכדעם וועט מען גיין לויט דעם סדר פון אל"ף בי"ת. כד חמי משה ענוותנותיה דיהושע, ווען משה רבינו האט געזען אז יהושע איז א עניו, קומט אויס אז אפילו מען וועט אים צוגעבן א אות יו"ד צו זיין נאמען, וועט עס נישט שאטען צו זיין תחיית המתים, ווייל ער וועט ממילא אויפשטיין פאר אלע, ווייל ער איז א עניו. האט ער אים צוגעגעבן א אות יו"ד, און אים גערופען יהושע בן נון.